# וועט נוצן פובליק בענעפיטן אפעקטירן מיין אימיגראציע סטאטוס?

## וואס פאסירט?

געוויסע מענטשן זענען באזארגט אז די פעדעראלע רעגירונג וועט טוישן די "פובליק טשארדזש" (public charge) געזעץ, וואס קען מאכן שווערע פאר געוויסע אימיגראנטן צו די פאראייניגטע שטאטן צו באקומען א גרין קארד אויב עס ווערט געפינען אז זיי האבן גענוצט געוויסע סארטן פובליק בענעפיטן פראגראמען. באמערקונג: ביז 2024, איז די פובליק טשארדזש געזעץ **נישט געווארן געטוישט**.

## קען די טויש מיר אפעקטירן?

אויב ווערט די פובליק טשארדזש געזעץ יא געטוישט, דאן גייט צו **nyc.gov/publiccharge** פאר די לעצטע אינפארמאציע. אפילו אויב די געזעץ ווערט יא געטוישט, קען עס נישט ווערן איינגעפירט צו אלע אימיגראנטן. צום ביישפיל, די פובליק טשארדזש געזעץ קען נישט ווערן געטוישט דורך די פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטן צו ווערן איינגעפירט פאר מענטשן וואס:

- געבן זיך איין פאר אימיגראציע באשיצונג
- זענען פליטים
- זוכן צו באקומען אדער האבן שוין באקומען ספעציעלע אימיגראנט דזשוואווענייעל (Immigrant Special Juvenile) קלאסיפיקאציע
- זוכן צו באקומען אדער האבן שוין באקומען א U וויזע אדער T וויזע
- האבן שוין א גרין קארד און זוכן צו ווערן א פאראייניגטע שטאטן בירגער
- באלאנגען פאר א צווייטע אויסגעשלאסענע קאטעגאריע

## וואס זאל איך יעצט טוען?

איר דארפט נישט אויפהערן צו נוצן די פובליק בענעפיטן פראגראמען אדער סיטי סערוויס וואס איר אדער אייער פאמיליע מיטגלידער דארפן האבן. איר האט די רעכט צו באקומען קעיר און שטיצע אן קיין שרעק. אויף יעצט, איז די פובליק טשארדזש געזעץ נישט געווארן געטוישט. אין צוגאב, זענען די געזעצן וועגן ווער עס איז בארעכטיגט פאר פובליק בענעפיטן און סערוויסעס נישט געווארן געטוישט.

געדענק, ניו יארק סיטי שטעלט צו אסאך אומזיסטע און ביליגע העלט קעיר און סאושעל סערוויסעס פאר אלע מענטשן וואס וואוינען אין ניו יארק סיטי. די סערוויסעס קענען אריינעמען עמערדזשענסי און נישט עמערדזשענסי העלט קעיר, העלט אינשורענס פאר קינדער און געוויסע ערוואקסענער, עסנווארג הילף, טענענט באשיצונג, ארבעטער באשיצונג, און לאגאלע הילף. איר האט צוטריט צו די סיטי סערוויסעס אפגעזען פון אייער אימיגראציע סטאטוס, מעגליכקייט צו צאלן, עמפלוימענט סטאטוס, אדער מעגליכקייט צו רעדן ענגליש.

איידער איז מאכט א באשלוס וועגן אויפהערן נוצן פובליק בענעפיטן פראגראמען אדער סיטי סערוויסעס, אדער אויב איר האט פראגעס און זארגן, ביטע רופט די סיטי'ס האטליין פאר מער אינפארמאציע. איר קענט רופן די ניו יארק סיטי מאיאר'ס אפיס פון אימיגראציע אנגעלעגנהייטן אימיגראציע לעגאלע שטיצע האטליין (Immigration Legal Support Hotline) אויף 800-354-0365 פון מאנטאג ביז פרייטאג, פון ניין אזייגער צופרי ביז זעקס אזייגער נאכמיטאג, אדער רופט **311**און זאגט "public charge" צו באקומען אומזיסטע און פארזיכערטע לעגאלע הילף. דאלמעטשינג סערוויסעס זענען אוועילעבל פאר סיי די האטליין און **311**.

NYC Department of Social Services | NYC Health | NYC Mayor's Office of Immigrant Affairs

Yiddish דעצעמבער 2024